# פרשת בלק י' – ט"ז תמוז תשפ"א לפ"ק

***יום רביעי פרשת בלק***

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **אשר זעליג** נ"ו בן הר"ר **דוד אליעזר ווייגארטען** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מענדל שווארץ** הי"ו.

אחר כך התקיים הברית של בן הר"ר **יודל פאסטערנאק** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***שבת קודש פרשת בלק***

בסעודה שלישית נתכבד הר"י הרה"ג רבי **יעקב טובי' ווייזער** שליט"א בברכת המזון.

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק רבי בונם מפרשיסחא זי"ע** (מתוך הספר מאיר עיני הגולה). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יהושע שליט"א.**

***וזה תוכן הסיפורים*** *(מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):*

**איך** וועל פארציילען פונעם ספר **מאיר עיני הגולה,** דער ספר איז א באשרייבונג אויפן **חידושי הרי"ם,** דאס איז ארויסגעקומען נאך פאר די קריג, און עס האט הסכמות פון אייניקלעך פונעם חידושי הרי"ם, וואס שרייבן אז רובם האבן זיי אליין געהערט פון תלמידים פונעם זיידען. און דא ווערט באשריבן די מחלוקת פונעם **רבי ר' בונם פון פרשיסחא** וואס אנדערע חסידות'ער האבן געהאט אויפן רבי ר' בונם.

**בעפאר** איך וועל פארציילען, וויל איך מקדים זיין א שטיקל הקדמה. **מיין טאטע ז"ל** האט געשריבן א לאנגע צוואה פאר די קינדער, אין איין חלק פון די צוואה שרייבט ער, אז ער בעהט אונז, אז אונז זאל מיר זיך נישט מישן אין קיין שום מחלוקת. אסאך מאל איז דא מחלוקת צווישן ערליכע יודען, איין גרופע מיט א צווייטע גרופע, מען זאל נישט האבן קיין שום חלק, און נישט נעמען קיין שטעלונג דערין, מען זאל שטיין ווייט דערפון כמטחוי קשת. שרייבט ער, אז די מציאות האט געוויזען, אז כמעט אלע מחלוקת'ער וואס איז געווען צווישן גרויסע לייט, איז אלץ געווען ווייל מען האט נישט געוואוסט דעם אמת פון איין זייט אויפן אנדערן זייט. מען האט געמיינט אז עס איז אזוי און אזוי, האט מען געפירט מחלוקת. און שפעטער ווען עס איז אדורכגעגאנגען יארן, האט מען געזעהן אז לא דובים ולא יער, און עס האט זיך נישט אנגעהויבן די גאנצע זאך אויף וואס מען האט זיך געקריגט. און ער רעכנט אויס, עס איז געווען די מחלוקת פונעם **רבי ר' יונתן** מיט דעם **יעב"ץ** און אנדערע אקעגן אים. און היינט ווייסט יעדער אז דער רבי ר' יונתן איז געווען א צדיק, און דער יעב"ץ איז געווען א צדיק. עס איז געווען די מחלוקת צווישן דעם **גר"א** מיטן **בעל שם טוב,** און אין די שפעטערדיגע צייטן, צווישן די מתנגדים מיט די חסידים, און היינט ווייסט מען אז מען האט געטראגן לשון הרע'ס פון איין פלאץ אויפן אנדערן פלאץ, אוןביידע זענען געווען גרויסע לייט. און אזוי איז געווען ביי אלע מחלוקת'ער, עס האט זיך שפעטער ארויסגעוויזען אז עס איז געווען סיבות פארוואס מען האט זיך געקריגט, און עס איז נישט געווען ריכטיג די מחלוקת.

**איך** האב לעצטענס באקומען פונעם מחותן, דער **ראדומישלער רב** (הגה"צ רבי שלמה יוסף היילפרין שליט"א אב"ד ראדומישלא ב"פ), א בריוו וואס איז געלעגן ביי זיי אין כתב יד, פונעם **סטראפקוב'ער רב.** דער סטראפקוב'ער רב האט געוואוינט אין די שטאט קאשוי, און **רבי שאול בראך** איז געווען דער רב אין קאשוי. אין קאשוי האט אויך געוואוינט דער **ראדומישלער רב,** ביי די ערשטע קריג איז ער געקומען אויף קאשוי. דער ראדומישלער רב מיטן קאשוי'ער רב האבן זיך זייער גוט פארטראגען, און שפעטער איז געווארן א ברענעדיגע מחלוקת צווישן דיביידע. און דער סטראפקובער רב האט געוואוינט אין די שטאט, און ער האט געשריבן א בריוו פארן ראדומישלער רב, אז אזוי ווי עס איז געווארן א גרויסע מחלוקת צווישן דעם רב מיט אים, זאל ער וויסן אז דער רב איז אים א גוטער פריינד, און די אלע זאכען וואס מען זאגט אויף אים איז לשון הרע, מענטשען טראגען ארום זאכען וואס איז נישט אמת. שרייבט ער אין דעם בריוו, מיין זיידע, דער **צאנזער**

**רב**, דער **דברי חיים**, האט געפירט א גרויסע מחלוקת, [ער שרייבט נישט דעם נאמען, אבער עס איז געווען מיט רוזין]. מיין טאטע דער **שינאווער רב** איז אויך געווען פארמישט אין געוויסע מחלוקת'ער, און איך ווייס אויף זיכער, אז אינשי דלא מעלו הטעו אותם, האבן מטעה געווען סיי דעם צאנזער רב, און סיי דעם שינאווער רב. עס איז נישט געווען אמת וואס מען האט איבערגעזאגט פון איין פלאץ אויפן אנדערן פלאץ. על כן בעהט ער אים, שרייבט ער פארן ראדומישלער רב, אז ער זאל זעהן צו מאכען שלום, ווייל די מחלוקת איז נישט קיין אויסגעהאלטענע מחלוקת.

*

**עטץ** זענטס יונגע בחורים וואס ווייסן נאך נישט דעם סדר הדורות ווי אזוי עס איז געווען. נאכן **בעל שם טוב הק'** האט איבערגענומען דער הייליגער **רבי ר' בער זי"ע**. פונעם רבי ר' בער'ס תלמידים האט זיך עס צוטיילט, עס איז שוין געווען פארשידענע קרייזן וואס האבן געפירט חסידות. און אונזער מקום אין פוילן איז בעיקר געווען דער **רבי ר' אלימלך**, וואס איז געווען א תלמיד פונעם רבי ר' בער. פונעם רבי ר' אלימלך'ס תלמידים איז בעיקר ארויסגעשטאנען דער **רבי פון לובלין**, און פונעם רבי פון לובלין האבן זיך צושפרייט זייער אסאך חסידות'ער. ער האט געהאט א תלמיד דער **יוד הק' פון פרשיסחא**, און ווען דער רבי פון לובלין איז אוועק, האט דער יוד הק' אנגעהויבן צו פירן די חסידים. דער **רבי ר' בונם** איז אויך געווען פון די שטאט פרשיסחא, און דער רבי ר' בונם האט זיך אויך געדרייט ביים יוד הק' פון פרשיסחא. שפעטער ווען דער יוד הק' פון פרשיסחא איז אוועק, האט דער רבי ר' בונם אנגעהויבן צו פירן א חסידות. און איינע פון די תלמידים פונעם רבי ר' בונם איז געווען דער **חידושי הרי"ם**. און פונעם חידושי הרי"ם איז ארויסגעקומען דער **שפת אמת** פון גור, און די אלע שפעטערדיגע וואס זענען א טייל פון דעם ענף פון פרשיסחא.

**דער** רבי ר' בונם איז געווען זייער א שארפער מענטש. איך זאג אלץ ביי חסידים מיט רבי'ס, בדרך כלל זענען דא רבי'ס וואס זענען שארפע, און רבי'ס וואס זענען גוט'טישקעס. און דער סדר איז, אז די חסידים קלעבן זיך בדרך כלל אן, אין די זעלבע סארט. דער וואס איז געווען א גוט'טישקער, האבן זיך גוטע יודען צוגעצויגן צו אים, און דער וואס איז געווען א שארפע רבי, האבן זיך שארפע חסידים צוגעצויגען. פרשיסחא איז געווארן א שארפע חסידות, און צווישן שארפע מענטשען זענען דא וואס מען רעדט ברייט וכדומה, און עס האט זיך אנגעהויבען א מחלוקת צווישן די פרשיסחא חסידים מיט אלע אנדערע הויפן. א גרויס טייל צדיקים האבן אנגעהויבן צו זאגען אז דער פרשיסחא דרך איז נישט אויסגעהאלטן. און ווען מען האט צוריק געענטפערט, האט מען אנגעהויבן מבזה צו זיין דעם רבי מיט יענעם רבי, און עס האט אויסגעבראכן א גרויס מחלוקת צווישן פרשיסחא און אנדערע. און ער באשרייבט דא אביסל וואס עס איז נוגע, נישט אלע לשון הרע'ס, אבער על כל פנים די גוטע זאכען וואס מען קען דערפון ארויסנעמען.

*

**קלט.** סיפר נכדו **הרה"ק מפילץ זי"ע** מה ששמע מפה קדשו של **רבינו זצ"ל** בשם רבו **הרבי ר' בונם זצ"ל** שאמר פעם אחת בזה הלשון, הנני מרגיש בעצמי כעת יכולת להפציר להחיש הקץ שיבוא מלך המשיח, אבל ציירתי לעצמי סדר ביאתו איך יהיה. כשיבוא המשיח ילך אל ראשי גדולי הדור, ששם יתוועדו כל הגדולים והצדיקים לקבל פניו, והנה הזקן והגדול שבזמננו הלא הוא **הרה"ק מאפטא**, ושם בביתו יתוועדו כל רבני ומנהיגי בני ישראל, וישבו כולם אצל שלחן ארוך מאוד. גם אני יהיה לי איזה מקום בקצה השלחן, ובשני צדי השלחן ישבו כל הגדולים והצדיקים. ובראש המסובים ישב מלך המשיח, ואצלו ראש הדור הרב מאפטא, ובוודאי תיכף ישאל הרב מאפטא למלך המשיח, נא לגלות לנו מי הוא אשר פעל להחיש הקץ ולהביא אתכם. וישיב לו האמת, זה פעל בונים פרשיסחער היושב שם בקצה השלחן, ויהיה מזה חלישת דעת גדול להרב מאפטא, ולכן הנני מונע עצמי מלעסוק בזה, שלא לגרום לו חלישת הדעת.

**והקשה רבינו:** איך פארשטייט נישט אזוי גוט די מעשה. עס איז זיכער אז טאמער מען וועט פרעגן איינעם, אז דו וועסט מבזה זיין דעם צדיק, וועט קומען משיח. וואס דארף ער טון? עס איז זיכער אז מען טאר נישט. מען טאר נישט טון קיין שום עבירה, אפילו צו ברענגען משיח. מיין ברודער **רבי שלמה זלמן זצ"ל** (אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג) איז געווען א

איידעם ביים **תולדות אהרן רבי זצ"ל.** נאך די חתונה האט ער געוואוינט אין ארץ ישראל, און ער האט מיר פארציילט, אז אמאל נאכן דאווענען האט דער תולדות אהרן רבי געזאגט, ווען איך האב געהאלטן ביי די ברכות קריאת שמע, איז מיר איינגעפאלען ביים דאווענען, וואס איז אויב משיח קומט אן אינמיטן ברכות קריאת שמע, גייט מען אים ארויס מקבל פנים זיין, צו מען דארף קודם ענדיגען דאס דאווענען, און נאכדעם וועט מען מקבל פנים זיין? האט זיך אנגעהויבן א דין ודברים צווישן די קינדער, איינער האט געזאגט אז מען טאר נישט, און איינער האט געזאגט וואס איז טייטש, משיח קומט, און מען זיצט אין שטוב, און מען גייט נישט ארויס מקבל פנים זיין?! האט דער תולדות אהרן רבי געזאגט, ניין, מען וועט נישט ארויסגיין. אז מען האלט אינמיטן דאווענען, ענדיגט מען דאס דאווענען, און מען גייט נישט אוועק פון א מצוה, אפילו מקבל צו זיין פני משיח. איז דאך דער טייטש, אז מען טאר נישט טון קיין שום איסור, אפילו ער וויל מקבל זיין פני משיח. און דא אז א מענטש איז מתפלל אז משיח זאל קומען, און עס וועט נאר דרך אגב אויסקומען א חלישת הדעת פארן אפטער רב, זאל מען נישט מתפלל זיין, און נישט ברענגען משיח, מכח א חלישת הדעת?! איז א סימן אז ער האט פארשטאנען אנדערש, ער האט פארשטאנען אז ענדערש זאל משיח נישט קומען, ווי איידער גורם צו זיין א חלישת הדעת פארן הייליגן אפטער רב.

*

**קמה. הרבי ר' בונם** ביודעו כי אנשי ריבו הינם אנשים מפורסמים גדולים בתורה ויראה, ומי זהו אשר יעיז להטיל ספק דופי ושמצה באמתת דבריהם, וחשש מאוד שדברי מתנגדיו יתקבלו לפני הצדיקים הנאספים (בהחתונה באוסטילא), בפרט אותם הבאים ממקומות הרחוקים שאינם מכירים אותו ואת תלמידיו, יוכלו ח"ו להתפתות לאזור חיל לקנא קנאת ה' צבאו"ת לכלות הקוצים מכרם בית ישראל. וחיפש עצות להשיג בין הנאספים, איזה צדיקים אשר יעמדו לימינו לסייע ידי תלמידיו המשולחים הנ"ל, ולהמליץ טוב בעדם. ובחר הרבי ר' בונם באחד מחסידיו ששהה אז בפרשיסחא, והיה מוכן ליסע חזרה לביתו, ואמר לו הרבי ר' בונם שיסע לביתו דרך עיר קאוולע, ויסור שם לבית **הרה"ק ר' יעקב אריה** הנקרא **רבי לייבלי קאוולער** (בנו של הרה"ק רבי מרדכי מנעשכיז זצ"ל) ויאמר לו בזה הלשון, אני נוסע כעת מפרשיסחא, הנני פרשיסחער חסיד, הרבי ר' בונם מפרשיסחא שלח לכם פריסת שלום על ידי, וצוה אותי לומר לכם, כי על הפסוק ויקחו לי תרומה, פירש רש"י, לי לשמי. השליח עשה שליחותו, ובדרכו פנה לעיר קאוולע, ונכנס לבית הרה"ק ר' לייבלי ומצאו תפוס ברעיונות עמוקות כפי שהיה נראה על פניו. וכשראהו עומד לפניו, שאלהו מי אתה, והשיב לו אות באות כאשר נצטווה מרבו. ותיכף בשומעו זאת, קם על רגליו ברעש גדול, ואמר ברגש והתלהבות, כך צוה הרבי ר' בונם לומר לי?! תסע תיכף בחזרה לפרשיסחא, ותאמר לו, כי אנחנו אוהבים אותו מאוד. ונודע אחר כך כי הרה"ק מקאוולע היה אז מעיין איזה עיון עמוק בפסוק הנ"ל, והרבי ר' בונם זצ"ל כיון איזה ימים מקודם, אל אשר יחשוב אותו צדיק באותה שעה שיבוא אליו החסיד הנ"ל, ובאותו רמז ששלח לו, תירץ לו ענין גדול שנתקשה בו אז, ונהנה מאוד מזה.

**והקשה רבינו:** דער רבי ר' בונם האט געוואוסט אפאר טעג פריער, אז פונקט ווען ער וועט אריינקומען דעמאלטס וועט ער טראכטען אין דעם ענין, און ער וועט דארפן האבן א תשובה דערויף, ויקחו לי, לי לשמי? קען א צדיק אויסרעכענען אז אין אפאר טאג ארום, וועט יענער טראכטען די און די מחשבה, און ער זאל קומען דעמאלטס זאגען, וואס ער דארף אים צו זאגן?

**נאר** דער פשט איז אנדערש. די פשט איז, ער האט מתפלל געווען, אז ווען דער חסיד וועט אנקומען זאל ער דעמאלטס טראכטען אין דעם ענין, כדי ער זאל אים קענען איבערגעבן די תשובה.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

## פרשת פנחס י"ז - כ"ג תמוז תשפ"א לפ"ק

***יום רביעי פרשת פנחס - שבעה עשר בתמוז***

בשעות אחר הצהרים שימש **רבינו שליט"א** ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **שלמה שטראהלי** הי"ו, שהתקיים בשכונת הארמענ"י היל"ס. אחר הפדיון בירך **רבינו שליט"א** ברכת בורא פרי הגפן על הכוס, (היות שלא השתתף אצל הסעודה), ונתן לשתות לתינוק שהגיע לחינוך (עיין בשו"ת **בצל החכמה** ח"ד סימן קט).

*

***יום שלישי פרשת פנחס***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לעיר גוש"ן, לקצירת חיטים למצות מצוה עבור חג הפסח שנת תשפ"ב הבעל"ט. בחורי הישיבה גדולה (שעמדו לבחינה על שו"ע שלמדו במשך זמן החורף) זכו להתלוות **לרבינו שליט"א**, להיות נטפל לעושי מצוה בעת עבודת הקצירה.

**רבינו שליט"א** בדק איכות החטים, וקצר במגל יד לשם מצות מצוה למשך זמן. אחר הקצירה ביאר **רבינו שליט"א** לבחורי הישיבה יסודות ההלכה בקצירת חיטים, שצריך שיהיו החיטים משומרים מדבר המחמיץ, ומהגשמים היורדים עליו כשאינו צריך לקרקע, ובדברים המסתעפים מדברי השו"ע והפוסקים, שצריכים להזהר בעת הקצירה.

*

***שבת קודש פרשת פנחס***

בסעודה שלישית כיבר **רבינו שליט"א** את הבחור הבר מצוה **יהושע פרענקל** נ"י (בן **הרב מענדל פרענקל שליט"א** ר"מ בישיבה קטנה) בברכת המזון.

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע** (מתוך הספר **מאיר עיני הגולה**). בברכת המזון נתכבד הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו.

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

**יט.** סיפר הרבני הישיש מו"ה משה דוד מקאזניץ ע"ה, משמשו של **המגיד מקאזניץ זצ"ל**, ששמע בעצמו, בהיות רבינו ילד בן שלש שנים, אמר לו אחד מהמקורבים של הרב המגיד, יצחק מאיר, אתן לך דינר אחד אם תדע להגיד לי היכן מקום דירתו של השי"ת. ותיכף השיב לו הילד, אני אתן לך ב' דינרים אם תדע להגיד לי המקום שאין השי"ת שוכן שם...

**והסביר רבינו:** אויפן אייבערשטען זאגט מען אז דער אייבערשטער איז ממלא כל עלמין, וסובב כל עלמין, ער פילט אן די גאנצע וועלט, און ער נעמט ארום די גאנצע וועלט (זוה"ק ח"ג רכה.). עס איז דא א וועלט, און דער אייבערשטער איז אין די וועלט, ער איז ממלא די וועלט. און דער אייבערשטער איז אויך סובב כל עלמין, די וועלט איז א באל"ל וואס ליגט אין די לופט, וואס איז אויסער די באל"ל, וואס איז אויסער די כדור העולם, עס איז דא ספעי"ס צווישן די ערד און די הימל. די גאנצע לופט וואס איז דא ארום די וועלט, טוט אויך דער אייבערשטער סובב זיין.

**אין** מדרש (ב"ר סח-ט) שטייט, אז דער אייבערשטער ווערט אנגערופן מקום, דער אייבערשטער איז מקומו של עולם, ער איז דער מקום פון די וועלט, און די וועלט איז נישט די פלאץ פונעם אייבערשטען. עס איז דא א אייבערשטער, וואס איז געווען פאר עס איז נאך געווען א וועלט, ורוח אלקים מרחפת על פני המים (בראשית א-ב), און די וועלט איז אריינגעשטעלט געווארן אינעם אייבערשטען. נישט אז די וועלט איז דער מקום פונעם אייבערשטען, אז עס איז דא א עולם, און דארט געפונט זיך דער אייבערשטער. נאר דער פשט איז, אז עס איז דא א באשעפער, און אינעם באשעפער געפונט זיך א עולם. קומט אויס, אז איבעראל איז דא אלקות, וואו עס איז דא א מקום אויף די וועלט, בעליונים ובתחתונים, איז דא די געטליכקייט פונעם אייבערשטען. - ער האט געזאגט, אז ער וועט געבן צוויי רענדליך אויב ער וועט אים זאגן וואו דער אייבערשטער געפונט זיך נישט. אלץ קליין קינד האט ער שוין משיג געווען און פארשטאנען דעם מלא כל הארץ כבודו.

*

**כ.** פעם אחת היה **היהודי הק' מפרשיסחא** בעיר קאזניץ אצל **המגיד**, ואמר לו המגיד שיראהו דבר פלא והפלא.

ושלח לקרוא את רבינו שהיה אז ילד בן ארבעה שנים, ואמר ליהודי הק' שינסה את הילד ויראה ממנו נפלאות. והיה ליהודי הק' ענין חמור מאוד באיזה סוגיא, והציע את הדבר אשר נתקשה בו. והילד השיב תיכף הפירוש האמיתי, ונתפעל היהודי הק'. ואמר לו בלשון חיבה, יונגעלע דו ווערסט נאך ביי מיר לערנען. והמגיד סטר להילד על לחיו, וגער עליו באומרו, א יונגעל זאגט נישט אזוי גיך. וכמה פעמים אמר רבינו זצ"ל שהיה לו נס מה שעשה לו המגיד כן אז. ואמר גם כן, שבסטירה זו פעל המגיד שלא יזיק לו עין הרע כל ימיו.

**והסביר רבינו:** דער יוד הק' איז נישט געווען קיין שלעכטער מענטש, ער האט נישט געגעבן קיין עין הרע. א עין הרע באקומט מען נישט פון א שלעכטען מענטש, א עין הרע קען מען באקומען פון א גוטען פריינד, און על פי רוב באקומט מען עס פון א גוטע פריינד. א עין הרע איז דער טייטש, מען פארגונט נישט אסאך מאל פאר יענעם וואס ער האט, און מען מיינט נישט קיין שלעכטיגקייט, נאר אזוי ווי עס איז אויפפאלענד, יענער איז אזוי געלונגען וכדומה, גיט מען א בליק אויף אים, און דער בליק ווערט א עין הרע, און עס קען שאדען. עס קען זיין, אז מען מיינט גארנישט צו געבן א עין הרע אויף א זאך, פון דעסטוועגן דאך די עצם בליק וואס א מענטש קוקט אויף א זאך וואס איז אויפפאלענד, קען ברענגען דערצו אז עס זאל זיין א עין הרע. און דעם עין הרע האט דער קאזניצער מגיד מבטל געווען, מיט דעם וואס ער האט אוועקגעמאכט וואס ער האט געענטפערט.

*

**לא.** פעם אחת בא גביר אחד לשאול עצת **הרבי מלובלין** אם יקח את רבינו, הנקרא פולישער עילוי, לחתן עבור בתו. והשיב הרבי בזה הלשון, דער עילוי וועט נישט צוקומען צו זיין גרויסע מעלה וואס ער קען צוקומען, ווייל מען וועט אים שטערן, גוטע יודען וועלן אים שלעכטס טון. אבער א מופלא בדורו וועט ער זיין, און ער וועט מאיר זיין די וועלט מיט זיין תורה און תפלה.

**והסביר רבינו:** ער האט געהאלטן אז עס האט אים געשאדט א געוויסע הקפדה פון צדיקים, אז ער איז נישט צוגעקומען צו א העכערע מדריגה פון וואס ער איז צוגעקומען. צדיקים זענען וואויל, צדיקים געבן נישט קיין עין הרע, צדיקים פארגינען פאר יענעם, ער האט געהאט אביסל א נייעם דרך, וואס איז נישט געווען איינגעפירט פון פריער, און ביי יעדן נייעם דרך וואס איז דא, איז אלץ דא מתנגדים וואס האלטן אז אפשר וועט עס אראפפירן פונעם ריכטיגען וועג, שטערן זיי עס. ביי דעם חידושי הרי"ם איז אויך געווען די זעלבע, קאצק איז געווען אזא שארפע געפירעכטץ, און עס איז געווען צדיקים וואס האבן געמיינט לשם שמים, זיי האבן געהאלטן אז דער וועג איז נישט אויסגעהאלטן, און זיי זענען געווען מתנגדים, און וועגן דעם האט מען געשטערט יענעם פון צוקומען צו די מדריגה וואס ער האט געקענט צוקומען.

*

**לז.** סיפר ר' מאיר לאנדשטיין מווארשא, שפעם אחת בעמדו לפני רבינו, דיבר מענין השגות הצדיקים ברוח הקודש וגילוי אליהו. ואמר רבינו אני אין לי בעתים הללו ענין הזה של גילוי אליהו, ומלפנים היה לי כמה פעמים גילוי אליהו, וקודם שנעשיתי בן י"ג שנה הייתי רגיל בזה. ואמר לפניו רבי מאיר, איך אוכל להאמין כזאת שהייתם אז במדרגה גדולה יותר מכעת. והשיב לו רבינו בסיגנון של הקפדה, מה אין לך להאמין לי, וכי הנני אומר זה מטעם גאות, הלא אני אומר לך שכעת אין לי זה. והגם כי בעצמי איני יודע הטעם, אבל הדבר כן הוא.

**והוסיף רבינו:** איך האב געהערט פון מיין פעטער דער **לאנדסבערגער רב זצ"ל**, ער איז געווען א נעפיו און א תלמיד פונעם **סעמיהאי'ער רב**, דער **מהרש"ג**. האט ער פארציילט, אז דער מהרש"ג איז אמאל געווען אין בית המדרש, און צווישן מנחה און מעריב האט מען געשמועסט פון צדיקים. און דער מהרש"ג האט זיך אנגערופן, אז היינט איז שוין נישט דא קיין רוח הקודש, אזוי ווי עס איז געווען אמאל, עס האט זיך אויפגעהערט די סארט מדריגות וואס איז געווען אין די פריערדיגע צייטן. איז געווען דארט א יוד, זאגט ער, רבי, עס איז היינט אויך דא רוח הקודש, איך האב אליין געזעהן רוח הקודש ביי א צדיק. האט אים דער מהרש"ג געזאגט, זאג מיר וואס דו האסט געזעהן, און ביי וועם דו האסט געזעהן. האט ער געזאגט, אז ער איז געווען ביי **רבי מרדכי'לע נאדבורנער זי"ע**, ער איז געווען מפורסם פאר א בעל רוח הקודש, און עס איז אריינגעקומען א יודענע

מיט צוויי קינדער, און זי האט געבעטן אז ער זאל בענטשן די קינדער. האט רבי מרדכי'לע נאדבורנער גענומען דאס ערשטע קינד, און ארויפגעלייגט די הענט, און ער האט אים געבענטשט. ווען ער האט געענדיגט בענטשען דאס קינד, האט די מוטער צוגעברענגט דאס צווייטע קינד, און ווען ער האט געוואלט ארויפלייגען די הענט צו בענטשען, האט ער תיכף אויפגעהויבן די הענט, און ער האט נישט געבענטשט ווייטער, און ער האט געזאגט, דאס קינד איז א בן הנדה, עס איז נישט קיין כשר קינד, און איך קען עס נישט בענטשען. ווי אזוי קען א מענטש זאגען, אויף א מענטש וואס ער קען נישט, אז דאס קינד איז נישט א כשר קינד, און איך קען עס נישט בענטשען. עס איז רוח הקודש. אזוי האט דער יוד געזאגט פארן מהרש"ג.

**האט** דער מהרש"ג געזאגט, דאס איז נישט קיין רוח הקודש, ער האט א גוט אויג, ער זעהט גוט. א הייליג אויג, איינער וואס היט זיך די אויגן, קען באמערקן אויף א זאך צו עס האט א קדושה, צו עס האט נישט קיין קדושה. און אויף דעם קינד האט ער באמערקט, אז עס ליגט אויף אים א רוח הטומאה, האט ער אים נישט געוואלט בענטשען. דאס וואס א מענטש קען באמערקען אויף א זאך, צו עס האט א קדושה צו נישט, איז נישט די מדריגה פון רוח הקודש. האט דער מהרש"ג געזאגט אויף זיך, איך ווען איך בין געווען א יונגערמאן, האב איך געקענט דערקענען אויף א כלי, צו מען האט עס גע'טובל'ט צו מען האט עס נישט גע'טובל'ט, און איך האב נישט קיין רוח הקודש. נאר וואס דען, מען קען דערקענען אויף א זאך, צו עס האט אויף זיך א קדושה צו נישט. עד כאן המעשה וואס דער לאנדסבערגער רב האט פארציילט פונעם סעמיהאי'ער רב.

**און** מען האט געפרעגט דעם לאנדסבערגער רב, וואס איז פשט אז דער סעמיהאי'ער רב האט געזאגט, אז אמאל האט ער געקענט דערקענען, איז דאך משמע אז היינט נישט. ווי אזוי קען זיין, אז אין די יוגענט האט ער געהאט אזא מדריגה אז ער האט דערקענט, און שפעטער קוקט אויס פון זיינע ווערטער אז ער האט נישט געהאט די מדריגה. ענדליך צו די מעשה דא, וואס ער האט געזאגט אז אין די יוגענט האט ער געהאט גילוי אליהו, און שפעטער נישט.

**האט** דער לאנדסבערגער רב זצ"ל געזאגט, אז מען קען זאגען דערין צוויי פשטים. איינס, קען זיין ער האט געהאט שפעטער אויך, נאר ער האט זיך נישט געוואלט רומען מיט א מדריגה וואס ער האט יעצט, האט ער געזאגט, אז אין די יוגענט האט ער געהאט די מדריגה. צווייטענס האט ער געזאגט, וואס דאס איז נוגע צו דא, אז קען זיין ער האט עס נאר געהאט אין די יוגענט, און שפעטער נישט. ווייל כדי מען זאל האבן אזא מדריגה וכדומה, דארף דער מענטש זיין א פרוש, אויסגעשאלטערט פון די וועלט, ליגן אין קדושה און דערהויבנקייט, דעמאלטס קען מען צוקומען צו אזא מדריגה. אין די יוגענט ווען ער איז געווען א יונגערמאן, און ער איז געווען אפגעזונדערט פון די וועלט, און געדינט דעם אייבערשטען, ער איז געזעסן און געלערנט פון צופרי ביז ביינאכט, האט ער געהאט די מדריגה. אבער ווען ער איז געווארן א רב, און ער האט געדארפט האבן צו טון מיט בעלי בתים, און ער האט געדארפט פירן א שטאט, און אסאך גשמיות'דיגע זאכען וואס קומט אריין, האט ער נישט געהאט די מעגליכקייט אז ער זאל קענען זיין אזוי אפגעזונדערט פון די וועלט, האט ער פארלוירן די מדריגה וואס ער האט געהאט. - דאס איז טייטש אז עס קען אמאל זיין, אז ווילאנג מען איז יונג, און מען איז אפגעזונדערט פון די וועלט, קען מען האבן א מדריגה, און שפעטער פארלירט מען עס. דער חידושי הרי"ם האט געזאגט אויף זיך, אז אין די יוגענט האט ער געהאט גילוי אליהו, און שפעטער איז עס ביי אים צוגענומען געווארן.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.**